ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# קב הישר
# תרומה

אידיש

**819**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק לז-לח

## • תרומה •

**אין די פרקים ווערן ערקלערט:**

וואָס עס געשעט אין הימל אין די דריי משמורות פון דער נאַכט. - דער חיוב צו טרויערן אויף דעם חורבן בית המקדש און אויפין גלות פון די אידן, ספּעציעל פאַר דעם מענטש וואָס האָט נישט די מעגלעכקייט עוסק צו זיין בתורה. - ביי חצות הלילה איז דער אויבערשטער זיך משתעשע מיט די נשמות פון די צדיקים. - די מענטשן וואָס דאַווענען מיט מחשבות זרות און בדרך עראי, ווערט זייער נשמה פאַרשטויסן ח״ו.

די כוונה פון דעם פסוק ״ה׳ שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך״, וואָס מען זאָגט פאַר די שמונה עשרה. - די גרויסע מעלה פון תפילה בכוונה- דער וואָס איז אָפּגעהיטן פון גזל און השגת גבול, ווערט זיין תפילה אָנגענומען.

דער ״**שר שלום**״ פון בעלזא, ערשטער בעלזער רב זי״ע, האט עדות געזאגט אויף זיך, אז זיין יראת שמים האט ער געשעפט פון די הייליקע ווערטער פון דעם ספר ״קב הישר״ און אים געלערנט הונדערט און צוויי מאל לויט דעם נאמען און קאפיטלען פונעם ספר.

# אינהאלט
## פון פרקים ל"ז - ל"ח


א. אין פרק ל"ז ווערט ערקלערט: דער ענין פון די דריי משמורות פון דער נאַכט....ה

ב. אין דער ערשטער משמורה גייט דער אויבערשטער אַריין אין גן עדן, זיך צו פרייען מיט די צדיקים....ה

ג. פאַרוואָס פרייט זיך דער אויבערשטער פונקט אין דער דאָזיגער צייט?....ה

ד. ביז האַלבע נאַכט מאַכט דער אויבערשטער ברוך הוא אויף ציטערן 300 הימלען און שלאָגט זיי וועגן חורבן בית המקדש....ו

ה. אַזוי ווי עס איז פאַראַן אַ הר הבית און אַ בית המקדש אויף דער ערד, אַזוי אויך איז פאַראַן אַ הר הבית און אַ בית המקדש אויבן אין הימל....ו

ו. זאַמלען זיך איין דאָרטן אַלע אינאַיינעם, צו גיין מיט גרויס פרייד אין אויבערשטן בית המקדש, צו זעהן דאָרט די שכינה....ז

ז. דער מענטש וואָס זיין האַרץ איז ווייך אַזוי ווי אַ שטעקעלע צו הערן שטראָף רייד, און ער ווידערשפעניקט נישט קעגן זיינע עלטערן און רבייס....ז

ח. דער מענטש איז זוכה אַז זיין נשמה זאָל יעדע נאַכט אַרויפגיין אינעם הר הבית, און אינעם בית המקדש....ז

ט. אין די צווייטע משמורה וויינען די מלאכים אויף דעם חורבן בית המקדש....ח

י. די מלאכים האָבן געוויינט און מיר האָבן אויך געוויינט מיט זיי אויף דעם חורבן בית המקדש און אויף די צדיקים וואָס זענען דעמאָלטס אומגעקומען....ח

**יא.** מען דאַרף טרויערן אויף די אידן וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם ........ ח

**יב.** אויף כלל ישראל וואָס שמאַכטן אין ביטערן גלות און ליידן יסורים פון עמלק, ישמעאל און אנדערע פעלקער ........ ט

**יג.** דעמאָלטס ווערט דערוועקט אַ גרויסער און פאָרכטיקער פלאַם אין צפון-זייט, און אַ גרויסע ליכטיגקייט שלאָגט פון דעם פלאַם ........ ט

**יד.** די גאַנצע פמליא של מעלה האָט צער אין דער מינוט ווען דער האָן קרייט דאָס ערשטע מאָל צוליב דעם חורבן בית המקדש ........ י

**טו.** "הַמֶּלֶךְ" מיינט מען דעם אויבערשטן וואָס ער איז דער קעניג פון אַלע קעניגן ........ י

**טז.** אין דער צייט דערוועקן זיך צום אויבערשטנ'ס דינסט די צדיקים וואָס געפינען זיך נאָך אויף דער וועלט ........ י

**יז.** אָט לויבט דעם אויבערשטן אַלע קנעכט פון דעם אויבערשטן וואָס שטייען אויף און גייען אין אויבערשטנ'ס הויז ביינאַכט ........ יא

**יח.** צו עלות השחר זאָגן שירה די שטערן און מזלות, דעמאָלטס ווערט דעם אויבערשטנ'ס נאָמען געהייליגט און געאיינציגט פון מויל פון מלאכים און אידן. ........ יא

**יט.** זיי גלוסטן נישט צו זיין צווישן די נשמות פון די צדיקים וואָס זיי מאַכן אַ נחת רוח פאַר דעם אויבערשטן ........ יב

**כ.** ווען זיי דאַווענען זאָגן זיי בלויז מיט דעם מויל, אָבער זייער האַרץ טראַכט פרעמדע מחשבות ........ יב

**כא.** זיי טראַכטן גאָרנישט אַריין מיט וואָס פאַראַ גוטע מעשים וועט די נשמה קומען פאַרן באַשעפער ........ יב

**כב.** דער וואָס האָט די מעגליכקייט צו לערנען תורה, איז נישט פאַראַן קיין בעסערס דערפון ........ יג

**כג.** אין פרק ל"ח ווערט ערקלערט: פאַרוואָס מען זאָגט דעם פסוק "ה' שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך" איידער מ'הייבט אָן שמונה עשרה. - די וויכטיגקייט פון דאַווענען בכוונה........ יד

**כד.** זיין הארץ מיט זיין מויל זאָלן זיין גלייך מייחד צו זיין דעם נאָמען פון דעם אויבערשטן ברוך הוא מיט אַ געהעריגע כוונה ........ יד

**כה.** גייט אַרויף זיין נשמה און שפּאַלט אַלע הימלען ביז זי קומט צו איר אָרט און קיינער פאַרווערט איר נישט ........ יד

**כו.** די ממונים פון בייטאָג ווערן אָנגערופן ״ממשלת היום״, און די ממונים פון ביינאַכט ווערן אָנגערופן ״ממשלת הלילה״ ........ טו

**כז.** עפנט אויף די טויערן, און זאָל קומען דאָס גערעכטע פאָלק וואָס זיי היטן די גלויבונג פון אויבערשטן ........ טז

**כח.** בשעת דער אויבערשטער ברוך הוא האָט געוואָלט געבן זיין תורה צו אידן, האָבן זיך באַהעפט אינאיינעם 375 כיתות מלאכים און האָבן מקטרג געווען אַז די תורה זאָל נישט אַראָפּנידערן צו די אידן ........ יז

**כט.** 375 מחנות מלאכים נעמען אויף די תפילות פון די אידן ........ יז

**ל.** און ער ברענגט אַריין די תפילה אין זיבן היכלות, וואָס ווערן אָנגערופן ״היכלין קדישין״ ........ יח

**לא.** עס זאָל זיין גלייך ווי ער וואָלט יעדן טאָג מקריב געווען קרבנות ........ יט

**לב.** דו זאָלסט אָפּגעבן אַ שבח והודיי צום אויבערשטן ברוך הוא ........ יט

**לג.** דאָס זענען די זעלבע אותיות ווי ״יבק״, וואָס איז די ראשי תיבות יִחוד בְּרכה קְדושה ........ יט

**לד.** כדי זיין תפילה זאָל זיין ריין, דאַרף דער מענטש זיין אָפּגעהיטן פון גזל און השגת גבול ........ כ

# פרק ל״ז

## אין דעם פרק ווערט ערקלערט:
## דער ענין פון די דריי משמורות פון דער נאַכט.

**א. תניא בפרק קמא,** מיר האָבן געלערנט אין ערשטן פרק פון מסכת ברכות (דף ג׳ עמוד א׳) די נאַכט איז איינגעטיילט אויף דריי משמורות, און אויף יעדן משמר, זיצט דער אויבערשטער ברוך הוא און שרייט ווי אַ לייב זאָגנדיג, ווײ אַז איך האָב חרוב געמאַכט דעם בית המקדש, און פאַרברענט מיין היכל האָב פאַרטריבן מיינע קינדער אין גלות.

## אין דער ערשטער משמורה גייט דער אויבערשטער אַריין אין גן עדן, זיך צו פרייען מיט די צדיקים

**ב. והנה ענין,** און דער ענין פון די דריי משמורות שטייט אין זוהר פרשת ויקהל (דף קצ״ה עמוד ב׳) רבי אליעזר און רבי יוסי זענען געזעסן אַ געוויסע נאַכט און האָבן געלערנט תורה פאַר האַלבע נאַכט, דערווייל האָט דער האָן געקרייט, האָבן זיי געמאַכט די ברכה ״ברוך הנותן לשכוי בינה להבחין בין יום ובין לילה״, געלויבט איז דער אויבערשטער וואָס ער האָט געגעבן צו דעם האָן פאַרשטאַנד צו פאַרשטיין דעם אונטערשייד צווישן טאָג און נאַכט.

## פאַרוואָס פרייט זיך דער אויבערשטער פונקט אין דער דאָזיקער צייט?

**האָט רבי אליעזר** געזאָגט, איצט איז די צייט וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא גייט אַריין אין גן עדן און פרייט זיך מיט די צדיקים. האָט רבי יוסי אים געפרעגט, פאַרוואָס פרייט זיך דער אויבערשטער פונקט אין דער דאָזיקער צייט?

## ביז האַלבע נאַכט מאַכט דער אויבערשטער ברוך הוא אויף ציטערן 300 הימלען און שלאָגט זיי וועגן חורבן בית המקדש

**ג. בכה רבי אליעזר,** האָט רבי אליעזר געוויינט און געזאָגט, קום און זעה, ביז האַלבע נאַכט מאַכט דער אויבערשטער ברוך הוא אויף ציטערן 300 הימלען און שלאָגט זיי וועגן דעם חורבן בית המקדש, און לאָזט אַריינפאַלן צוויי טרערן אין דעם ים הגדול. (דאָס איז נאָר דרך מליצה, אַזוי ווי מיר געפונען אַמאָל אַזאַ לשון וועגן דעם אויבערשטן, אָבער חלילה צו זאָגן אויף דעם אויבערשטן ברוך הוא אַ גשמיות׳דיגע זאַך, וואָס איז שייך נאָר ביי אַ בשר ודם און נישט ביי דעם אויבערשטן). און ער געדענקט זיינע קינדער די אידן.

**און אויף** דריי טיילן ווערט די נאַכט צעטיילט, און יעדער משמר איז פיר שעה. אפילו ווען די נאַכט איז קלענער פון 12 שעה (אין זומער), רעכנט מען צו עטלעכע שעה טאָג צו די נאַכט, כדי יעדער משמר זאָל זיין פיר שעה צייט.

## אַזוי ווי עס איז פאַראַן אַ הר הבית און אַ בית המקדש אויף דער ערד, אַזוי אויך איז פאַראַן אַ הר הבית און אַ בית המקדש אויבן אין הימל

**ד. משמר הראשון,** אין ערשטן משמר זאָגן די מלאכים שירה, דעם קאַפּיטל (תהלים כ"ד) "לַה׳ הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ וגו׳ מִי יַעֲלֶה בְּהַר ה׳ וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ", ווייל אין די ערשטע פיר שעה איז די צייט פון געוויין און די נשמות פון די מענטשן גייען דאַן אַרויף אויפ׳ן הימל, און אַזוי ווי עס איז פאַראַן אַ הר הבית און אַ בית המקדש אויף דער ערד, אַזוי אויך איז פאַראַן אַ הר הבית און אַ בית המקדש אויבן אין הימל.

**זאַמלען זיך איין דאָרטן אַלע אינאיינעם, צו גיין מיט גרויס פרייד אין אויבערשטן בית המקדש, צו זעהן דאָרט די שכינה**

**ה. און די נשמות** פון די צדיקים וואָס זענען זוכה אַרויפצוגיין יעדע נאַכט אויפ׳ן הימל, קומען פריער אויפ׳ן הר הבית און זאַמלען זיך איין דאָרטן אַלע אינאיינעם, צו גיין מיט גרויס פרייד אין אויבערשטן בית המקדש, צו זעהן דאָרט די שכינה.

**דעריבער זאָגן** די מלאכים שירה דעם פסוק ״מִי יַעֲלֶה בְּהַר ה׳״, וועלכע נשמה איז זוכה אַרויפצוגיין אין דעם הר הבית, ״וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ״, און וועלכע נשמה וועט זוכה זיין צו גיין פון דאָרטן אין דעם בית המקדש אַריין.

**דער מענטש וואָס זיין האַרץ איז ווייך אַזוי ווי אַ שטעקעלע צו הערן שטראָף רייד, און ער ווידערשפעניקט נישט קעגן זיינע עלטערן און רבי׳ס**

**ו. ״נְקִי כַפַּיִם״,** דאָס איז דער מענטש וואָס זיינע הענט זענען ריין פון גזל און פון אַנדערע אומרעכטן, ״וּבַר לֵבָב״, און דער מענטש וואָס זיין האַרץ איז ריין פון שלעכטע מחשבות, און דער מענטש וואָס זיין האַרץ האָט רחמנות אויף דעם געשריי פון אָרימעלייט, און דער מענטש וואָס זיין האַרץ איז ווייך אַזוי ווי אַ שטעקעלע צו הערן שטראָף רייד, און ער ווידערשפעניקט נישט קעגן זיינע עלטערן און רבי׳ס וואָס שטראָפן אים, און לערנען אים צו גיין אין ריכטיקן וועג.

**דער מענטש איז זוכה אַז זיין נשמה זאָל יעדע נאַכט אַרויפגיין אינעם הר הבית, און אינעם בית המקדש**

**און דער מענטש** וואָס האָט אַ האַרץ פון רחמנות, און נישט אַ האַרץ פון אַן אכזר און כעסן, דער מענטש איז זוכה אַז זיין נשמה זאָל יעדע נאַכט אַרויפגיין אינעם הר הבית, און

אינעם בית המקדש, און ער וועט געבענטש ווערן פון דעם אויבערשטן.

## אין די צווייטע משמורה וויינען די מלאכים אויף דעם חורבן בית המקדש

**ז. משמר ב׳,** דער צווייטער משמר וואָס איז אויך פיר שעה, ווערט איינגעטיילט אויף צוויי חלקים, צוויי שעה ביז אַ האַלבע נאַכט וויינען די מלאכים אויף דעם חורבן בית המקדש און זאָגן דאָס קאפיטל (תהלים קל״ז) ״עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ גַּם בָּכִינוּ וגו׳ אֵיךְ נָשִׁיר אֶת שִׁיר ה׳ עַל אַדְמַת נֵכָר״ וגו׳, און אויך די מלאכים וואָס דער אויבערשטער האָט זיי באַפוילן צו באַגלייטן די אידן אין גלות בבל, האָבן דעמאָלטס געוויינט, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיה לג, ז) ״הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חוּצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן״, פאַרוואָס די מלאכים האָבן געשריגן און געוויינט, די מלאכים פון שלום האָבן געוויינט מיט אַ ביטערן געוויין.

## די מלאכים האָבן געוויינט און מיר האָבן אויך געוויינט מיט זיי אויף דעם חורבן בית המקדש און אויף די צדיקים וואָס זענען דעמאָלטס אומגעקומען

**דעריבער זאָגן** מיר יעדן טאָג דאָס קאַפּיטל ״עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ״ וגו׳, אויף די טייכן פון בבל, דאָרט זענען מיר געזעסן. ״גַּם בָּכִינוּ״, מיר האָבן אויך געוויינט. דאָס מיינט מען, די מלאכים האָבן געוויינט און מיר האָבן אויך געוויינט מיט זיי אויף דעם חורבן בית המקדש און אויף די צדיקים וואָס זענען דעמאָלטס אומגעקומען.

## מען דאַרף טרויערן אויף די אידן וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם

**ח. וצריכין אנו,** און מיר דאַרפן אין יעדן דור קלאָגן אויף אונזערע

ברידער, די אידישע קינדער וואָס זענען גע'הרג'עט געוואָרן, דערוואָרגן געוואָרן, פאַרברענט אָדער פאַרשטיינערט געוואָרן אין דעם פיפטן יאָר טויזנט על קידוש השם, מיט שווערע און ביטערע יסורים. די דאָזיקע קדושים האָבן איבערגעגעבן זייער נשמה און גוף אויף קידוש השם, און זיי האָבן געליטן שווערע און ביטערע יסורים און האָבן אויף זיך מקבל געווען מיט ליבשאַפט די גזירה פון דעם אויבערשטן.

## אויף כלל ישראל וואָס שמאַכטן אין ביטערן גלות און ליידן יסורים פון עמלק, ישמעאל און אנדערע פעלקער

**ט. ובאותו הפעם,** און אין יענע צייט טוט דער אויבערשטער טרעטן אויף דעם הימל און עס ציטערן 12,000 וועלטן. ער שרייט אויף דעם וואָס זיין בית המקדש איז חרוב, און פון זיין הייליקן אָרט גיט ער זיין קול אויף כלל ישראל וואָס שמאַכטן אין ביטערן גלות און ליידן יסורים פון עמלק, ישמעאל און אנדערע פעלקער און נידערט אַראָפ צוויי טרערן אין דעם ים הגדול אַריין.

## דעמאָלטס ווערט דערוועקט אַ גרויסער און פּאָרכטיקער פלאַם אין צפון-זייט, און אַ גרויסע ליכטיגקייט שלאָגט פון דעם פלאַם

**י. ואז התעורר,** און דעמאָלטס ווערט דערוועקט אַ גרויסער און פּאָרכטיקער פלאַם אין צפון-זייט, און אַ גרויסע ליכטיגקייט שלאָגט פון דעם פלאַם, און אין יענע צייט ווערט דער דאָזיקער פלאַם פאַרשפרייט אויף דער וועלט, און עס ווערט פאַרשפרייט אַ פונק אונטער דעם פליגל פון דעם האָן און ברענט אין אים, ביז ער הויבט אָן צו שאָקלען מיט זיינע פליגל, אַזוי ווי ער קילט זיך אָפּ פון דעם פייער, און ער הויבט אָן קרייען און ווייזט וואונדערלעכע זאַכן מיט זיין קרייען.

## די גאַנצע פמליא של מעלה האָט צער אין דער מינוט ווען דער האָן קרייט דאָס ערשטע מאָל צוליב דעם חורבן בית המקדש

**יא. והכל,** און דאָס אַלץ איז כדי צו דערוועקן דעם מענטש מורא צו האָבן פון דעם אויבערשטן. און די גאַנצע פמליא של מעלה האָט צער אין דער מינוט ווען דער האָן קרייט דאָס ערשטע מאָל צוליב דעם חורבן בית המקדש.

**און אַז** עס קומט האַלבע נאַכט, גייט דער אויבערשטער ברוך הוא אַריין אין גן עדן זיך צו פרייען מיט די נשמות פון די צדיקים, אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר (ח"א, עז, א, פב, ב) אויף אַ סאַך ערטער.

## "הַמֶּלֶךְ" מיינט מען דעם אויבערשטן וואָס ער איז דער קעניג פון אַלע קעניגן

**והענין,** דער דאָזיקע ענין ווערט דערקלערט אין מגילת אסתר (ז, ד-ז) "וְהַמֶּלֶךְ קָם בַּחֲמָתוֹ אֶל גִּנַּת הַבִּיתָן" וגו', "הַמֶּלֶךְ" מיינט מען דעם אויבערשטן וואָס ער איז דער קעניג פון אַלע קעניגן, "קָם בַּחֲמָתוֹ", ער איז אויפגעשטאַנען פון דעם צער וואָס ער האָט כביכול אויף דעם חורבן בית המקדש. "אֶל גִּנַּת בִּיתָן", מיינט מען דעם גן עדן, וואָס ווערט אָנגערופן "גינת ביתן", דער אויבערשטער גייט דעמאָלטס אַריין אין גן עדן זיך צו פרייען מיט די נשמות פון די צדיקים.

**דעמאָלטס** עפענען אַלעביימער פון גן עדן און די נשמות פון די צדיקים זייערע מיילער מיט הייליגקייט און געזאַנג, און זיי זאָגן דעם מזמור (תהלים כ"ד) "שְׂאוּ שְׁעָרִים רָאשֵׁיכֶם וְהִנָּשְׂאוּ פִּתְחֵי עוֹלָם וְיָבֹא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד וגו', ה' צְבָאוֹת הוּא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד סֶלָה".

## אין דער צייט דערוועקן זיך צום אויבערשטן'ס דינסט די צדיקים וואָס געפינען זיך נאָך אויף דער וועלט

**דערנאָך** הייבן אָן צו זאָגן שירה די מלאכים וואָס זענען ממונה אויף

דעם דריטן משמר, וואס דאס איז אין די לעצטע פיר שעה פון דער נאַכט. אין דער דאָזיקער צייט דערוועקן זיך צום אויבערשטן'ס דינסט די צדיקים וואס געפינען זיך נאָך אויף דער וועלט.

## אָט לויבט דעם אויבערשטן אַלע קנעכט פון דעם אויבערשטן וואָס שטייען אויף און גייען אין אויבערשטן'ס הויז ביינאַכט

**יב. והמלאכים אומרים,** און די מלאכים זאָגן דעם פסוק (שם קלד, א) "הִנֵּה בָּרְכוּ אֶת ה' כָּל עַבְדֵי ה' הָעוֹמְדִים בְּבֵית ה' בַּלֵּילוֹת", אָט לויבט דעם אויבערשטן אַלע קנעכט פון דעם אויבערשטן וואָס שטייען אויף און גייען אין אויבערשטן'ס הויז ביינאַכט.

## צו עלות השחר זאָגן שירה די שטערן און מזלות, דעמאָלטס ווערט דעם אויבערשטן'ס נאָמען געהייליגט און געאיינציגט פון מויל פון מלאכים און אידן.

**און אַז עס** קומט די צייט ווען דער מאָרגן שטערן זאָל אויפגיין, הייבן אָן די שטערן און די מזלות צו זאָגן שירה מיט פאָרכט, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק (איוב לח, יז) "בְּרָן יַחַד כּוֹכְבֵי בֹקֶר וַיָּרִיעוּ כָּל בְּנֵי הָאֱלֹקִים", און דערנאָך הייבט אָן די זון אויפצוגיין און זאָגט שירה מיט אַ זיסן קול, און זאָגט דעם פסוק (תהילים קה,א) "הוֹדוּ לַה' קִרְאוּ בִשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו", און אין דער צייט גייען אידן אַריין אין די שוהלן צו דאַווענען און מקבל זיין אויף זיך דעם עול מלכות שמים, און זיי זענען מייחד דעם נאָמען פון דעם אויבערשטן ברוך הוא, און זיי זאָגן "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד", און דעמאָלטס ווערט דעם אויבערשטן'ס נאָמען געהייליקט און געאיינציקט פון מויל פון די מלאכים און אידן, און ער האָט דערפון אַ פאַרגעניגן.

**זיי גלוסטן נישט צו זיין צווישן די נשמות פון די צדיקים וואָס זיי מאַכן אַ נחת רוח פאַר דעם אויבערשטן**

**יג. אמנם הטפשים,** אָבער די נאַרישע מענטשן וועמענס האַרץ איז פאַרשטאָפּט און זיי גייען נאָך די פאַרגעניגנס פון דער וועלט, די דאָזיקע מענטשן טראַכטן נישט די אויבערשטע קדושה וואָס ווערט געטוהן שטענדיק יעדע נאַכט און יעדן אינדערפרי, און זיי גלוסטן נישט צו זיין צווישן די נשמות פון די צדיקים וואָס זיי מאַכן אַ נחת רוח פאַר דעם אויבערשטן, ווייל זייער גאַנצער ווילן איז אָנצופילן זייער האַרץ מיט גלוסטיקייט און נאָכצוגיין דעם ווילן פון האַרץ.

**ווען זיי דאַווענען זאָגן זיי בלויז מיט דעם מויל, אָבער זייער האַרץ טראַכט פרעמדע מחשבות**

**יד. וכשהם עומדים,** און ווען זיי שטייען אויף אינדערפרי, גייען זיי אין די גאַסן און אין די מאַרקן צו רעדן נאַרישקייטן אָדער וועגן זייער שפּייז, אָדער זיי גייען אין זייערע צימערן פאַר זייער פרנסה, און זיי גייען אין שוהל אַריין אויף אַ קורצע צייט, און טוהען אָן תפילין נאָר כדי צו געדענקען אַז זיי זענען אידן, און זיי דאַווענען געשווינד אָן כוונה, און אָן אַריינצוטראַכטן צו וועלכן הייליקן אָרט זיי גייען, ווייל די שכינה רוהט שטענדיק אין אַלע שוהלן, און זיי קומען אין שוהל אַריין מיט אַ צעמישונג און מיט שלעכטע מחשבות, און אויך ווען זיי דאַווענען זאָגן זיי בלויז מיטן מויל, אָבער זייער האַרץ טראַכט פרעמדע מחשבות.

**זיי טראַכטן גאָרנישט אַריין מיט וואָס פאַראַ גוטע מעשים וועט די נשמה קומען פאַרן באַשעפער**

**טו. והתפילה היא,** און דאָס דאַווענען איז אויף זיי ווי אַ יאָך און אַ לאַסט, און זיי לויפן אַוועק געשווינד פון דער שוהל, נאָכצוגיין נאָך זייער פאַרקרומט האַרץ און נאָך די

פארגעניגענס פון עולם הזה, און זיי טראַכטן גאָרנישט אַריין מיט וואָס פאַראַ גוטע מעשים וועט די נשמה קומען פאַרן באַשעפער, ווייל אין אָוונט, ווען די מענטשן שלאָפן, גייט די נשמה אַרויס פונעם מענטש צו גיין עדות זאָגן אויף די מעשים וואָס ער האָט געטוהן בייטאָג, און אַז די נשמה קומט אַרויף פאַרן כסא הכבוד פאַרשמירט מיט עבירות, און האָט נישט געטוהן דעם אויבערשטן׳ס דינסט בשלימות, ווערט זי אַרויסגעשטויסן פון הייליקן היכל און זי ווערט איבערגעגעבן צו דער סטרא אחרא חס ושלום, וואָס זיי לאָזן דעם מענטשן נישט תשובה טוהן, ווייל אין וואָס פאַראַ וועג דער מענטש וויל גיין, פירט מען אים, דאָס מיינט צו זאָגן, אַז ער וויל גיין אין גוטן וועג, העלפט מען אים פון הימל, אָבער אַז ער וויל גיין אין שלעכטן וועג לאָזט מען אים, אָבער מען העלפט אים נישט דערצו.

## דער וואָס האָט די מעגליכקייט צו לערנען תורה, איז נישט פאַראַן קיין בעסערס דערפון

**טז. מה שאין כן,** אָבער אַז דער מענטש דערווייטערט זיך פון די נאַרישקייטן פון דער וועלט, און געוואוינט זיך אויפצושטיין אינדערפרי צו דעם אויבערשטן׳ס דינסט, און דער וואָס האָט די מעגליכקייט צו לערנען תורה, איז נישט פאַראַן קיין בעסערס דערפון, אויך דער מענטש וואָס קען נישט לערנען תורה, זאָל ער אויפשטיין און מתפלל זיין מיט זיין גאַנצן האַרץ, און ער זאָל קלאָגן אויף דעם חורבן בית המקדש, און דעמאָלטס וועט דער אויבערשטער ברוך הוא פאַר אים עפענען די טויערן פון תשובה און ער וועט תשובה טוהן, וועט דער אויבערשטער אים מוחל זיין זיינע זינד.

❖ ❖ ❖

# פרק ל״ח

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: פאַרוואָס מען זאָגט דעם פסוק ״ה׳ שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך״ איידער מ׳הייבט אָן שמונה עשרה. - די וויכטיגקייט פון דאַווענען בכוונה.**

**א. חכמינו ז״ל,** אונזערע חכמים האָבן מתקן געווען צו זאָגן איידער מען הויבט אָן שמונה עשרה, דעם פסוק (תהלים נא, יז) ה׳ שְׂפָתַי תִּפְתָּח וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ. די כוונה דערפון איז צו בעטן פון דעם אויבערשטן ברוך הוא אַז ער זאָל זיין באַוויליגט פאַר אים מיט זיין תפילה, און ער זאָל נישט זאָגן אויף אים דעם פסוק (שם נ, טז) ״וְלָרָשָׁע אָמַר אֱלֹקִים מַה לְּךָ לְסַפֵּר חֻקָּי וַתִּשָּׂא בְרִיתִי עֲלֵי פִיךָ״.

**זיין האַרץ מיט זיין מויל זאָלן זיין גלייך מייחד צו זיין דעם נאָמען פון דעם אויבערשטן ברוך הוא מיט אַ געהעריגע כוונה**

**ב. כי בהיות,** ווייל אַז דער אויבערשטער פאַרמיאוס׳ט דער תפילה פון דעם מענטשן, צוליב זיינע שלעכטע מעשים, נו, נאָך וואָס טויג אים זיין לעבן. זיין טויט איז בעסער פאַר אים פון זיין לעבן, און דעריבער אַז ער שטעלט זיך מתפלל זיין, זאָל ער שטיין מיט פאָרכט און מיט ציטערניש, און זיין האַרץ מיט זיין מויל זאָלן זיין גלייך מייחד צו זיין דעם נאָמען פון דעם אויבערשטן ברוך הוא מיט אַ געהעריגע כוונה, און דאַן דערנענטערט אים דער אויבערשטער צו זיך מיט פרידן, און אַלע זיינע לעבנס-טעג רופט מען צו אים זיין נאָמען ״שלום״ אין אַלע הימלען.

**גייט אַרויף זיין נשמה און שפּאַלט אַלע הימלען ביז זי קומט צו איר אָרט און קיינער פאַרווערט איר נישט**

**ג. וכד אסתלק,** (זוהר ח״ב, ר, ב,)און ווען דער מענטש שטאַרבט

גייט אַרויף זיין נשמה און שפּאַלט אַלע הימלען ביז זי קומט צו איר אָרט און קיינער פאַרווערט איר נישט, און דער אויבערשטער מיט זיין פמליא, דאָס זענען די מלאכים, רופן אים צו פרידן און עפענען פאַר אים 12 טייכן פון ריינעם באַלזאַם אויל.

**די ממונים פון בייטאָג ווערן אָנגערופן ״ממשלת היום״, און די ממונים פון ביינאַכט ווערן אָנגערופן ״ממשלת הלילה״**

**ד. והנה להודיע,** און כדי צו לאָזן וויסן די מעלה און הויכקייט וואו עס דערגרייכן די תפילות פון די מענטשן, וועלן מיר דאָ ערקלערן דאָס וואָס עס שטייט אין זוהר (חלק ב׳, דף ר״א עמוד א׳) דו דאַרפסט וויסן אַז אין אַלע הימלען זענען פאַראַן מלאכים וואָס זענען באַשטימט בייטאָג אויף אַלע טירן און טויערן און פענצטער, און אַזוי אויך זענען פאַראַן מלאכים וואָס זענען באַשטימט ביינאַכט אויף דעם אַלעם. די ממונים פון בייטאָג ווערן אָנגערופן ״ממשלת היום״, און די ממונים פון ביינאַכט ווערן אָנגערופן ״ממשלת הלילה״.

**ה. ובכל פתח,** און אויף יעדן טיר, טויער און פענסטער איז פאַראַן אַ ממונה, און ער האָט אונטער זיך צענדליקער טויזנטער מלאכים. און ווער קען ציילן און זיך פאָרשטעלן אַלע מלאכים און חיילות וואָס זענען אונטער יעדן ממונה.

**שטענדיג** ווען עס קומט די נאַכט אָדער דער טאָג, ווערט אויסגערופן אַז יעדער ממונה זאָל שטיין אויף זיין משמר וואָס ער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן, און באַלד שטעלט זיך יעדער ממונה אויף זיין אָרט וואָס מ׳האָט פאַר אים באַשטימט.

**ו. ואז הקב״ה,** און דעמאָלטס פעדערט זיך דער אויבערשטער און נידערט אַראָפּ אין די שוהלן צו הערן די תפילות פון אידן, און די אידן גייען אַריין אין די שוהלן צו לויבן זייער האַר מיט געזאַנג און לויב און תפילות, און דער מענטש וואָס האָט מורא

פאַרן אויבערשטן און זיין האַרץ גליסט צו דינען דעם אויבערשטן, צו דאַווענען מיט אַ רעכטע כוונה, אַז זיין מויל און זיין האַרץ זאָלן זיין גלייך צו איינציגן דעם הייליגן נאָמען פון דעם אויבערשטן ברוך הוא, איז דער אויבערשטער באַוויליגט און פרייט זיך מיט זיין תפילה. יעדעס וואָרט גייט אַרויף און ווערט אָנגענומען מיט פרייד פאַר די מלאכים וואָס זענען ממונה דערויף, ביז ער גייט אַרויף צו אַ הויכע מדריגה, אַז זיין תפילה זאָל זיין אַ קרוין פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא, וואָס ער איז דער קעניג איבער אַלע קעניגן.

## עפנט אויף די טויערן, און זאָל קומען דאָס גערעכטע פאָלק וואָס זיי היטן די גלויבונג פון אויבערשטן

**ז. והנה,** און צו אַלע פיר זייטן פון דער וועלט שטייען אויפ׳ן הימל מלאכים ממונים, און די תפילות דערגרייכן צו איין ממונה. דאָרט זענען פאַראַן 9 טירן, און דאָרט שטייען פילע מלאכים ממונים, וואָס איבער זיי איז פאַראַן אַ מלאך מיט׳ן נאָמען אבוליא״ל, און ער מיט אַלע מלאכים גייען אַנטקעגן די תפילות פון די אידן.

**ח. ונוטלין,** און זיי נעמען די תפילה און קושן זי און פירן איר אַרויף אויבן אין הימל, און ברענגען איר צו זייער אַ פאָרכטיג אָרט, וואו עס זענען פאַראַן 12 טירן. איבער יעדע טיר זענען פאַראַן פילע ממונים און חיילות.

**ט. ובשער י״ב,** און אין דעם צוועלפטן טויער שטייט אַ ממונה וואָס זיין נאָמען איז ענא״ל, און ער איז ממונה איבער די 12 טויערן, און ווען די תפילות פון די אידן קומען פאַר אים, רופט ער אויס מיט אַ הויך קול (ישעיה כו, ב) ״פִּתְחוּ שְׁעָרִים, וְיָבֹא גוֹי צַדִּיק שֹׁמֵר אֱמֻנִים״, עפנט אויף די טויערן, און זאָל קומען דאָס גערעכטע פאָלק וואָס זיי היטן די גלויבונג פון אויבערשטן.

**י. אז נפתחים,** דעמאָלטס ווערן געעפנט אַלע טויערן, און די תפילה גייט אַרויף אין אַלע טויערן. דעמאָלס

ווערט דערוועקט אַ ממונה מיט'ן נאָמען עזריא״ל, וואָס ער איז ממונה אויף אַפאָר מאָל 10 טויזנט מחנות פון מלאכים, און זיי אַלע נעמען די תפילה און זאָגן די פסוקים (תהלים לד, טז-יז) ״עֵינֵי ה׳ אֶל צַדִּיקִים וְאָזְנָיו אֶל שַׁוְעָתָם, פְּנֵי ה׳ בְּעֹשֵׂי רָע לְהַכְרִית מֵאֶרֶץ זִכְרָם״.

## בשעת דער אויבערשטער ברוך הוא האָט געוואָלט געבן זיין תורה צו אידן, האָבן זיך באַהעפט אינאייינעם 375 כיתות מלאכים און האָבן מקטרג געווען אַז די תורה זאָל נישט אַראָפּנידערן צו די אידן

**יא. ואחר כך**, און דערנאָך פירט מען אַרויף די תפילה צו אַ העכערן הימל, און זי גרייכט צו אַ ממונה וואָס זיין נאָמען איז גברי״ה, און ער האָט אונטער זיך פילע כיתות מיט מלאכים, און אין דעם הימל איז פאַראַן אַ גרויסער פעלדז וואָס לייכט זייער שטאַרק.

**יב. ותחת**, און אונטער דעם פעלדז זענען פאַראַן 375 פענסטערס. און דער באַדייט דערפון איז, ווייל בשעת דער אויבערשטער ברוך הוא האָט געוואָלט געבן זיין תורה צו אידן, האָבן זיך באַהעפט אינאייינעם 375 כיתות מלאכים און האָבן מקטרג געווען אַז די תורה זאָל נישט אַראָפּנידערן צו די אידן. האָט דער אויבערשטער ברוך הוא אָנגעשריגן אויף זיי, און האָט זיי אַריינגעבערענגט אונטער דעם דאָזיקן פעלדז פון טאָג ווען די תורה איז געגעבן געוואָרן צו אידן, און דריי מאָל אַ טאָג גייען די מלאכים אַרויס פון אונטער דעם דאָזיקן פעלדז.

## 375 מחנות מלאכים נעמען אויף די תפילות פון די אידן

**יג. וכאשר עולים**, און אַז די תפילות פון די אידן וואָס זענען מתפלל מיט אַ רעכטע כוונה, גייען אַרויף און גרייכן צו דעם פעלדז, ווייזט מען זיי די תפילות. דעמאָלס גייען אַרויס די אויבן דערמאנטע 375 מחנות מלאכים אַנטקעגן די תפילה, און טוען איר אָן גרויס כבוד, און זיי זאָגן שירה דעם פסוק (תהלים ח, ב) ״ה׳

אֲדוֹנֵינוּ מָה אַדִּיר שִׁמְךָ בְּכָל הָאָרֶץ אֲשֶׁר תְּנָה הוֹדְךָ עַל הַשָּׁמָיִם״. דאָס איז טייטש, באַשעפער, אונזער האַר, ווי שטאַרק איז דיין נאָמען געלויבט אויף דער ערד, גיב דיין שיינקייט אויף דעם הימל. די מלאכים באַקרוינען די תפילה מיט אַ סאַך קרוינען, און באַגלייטן די תפילה ווען זי גייט נאָך העכער צו אַ פאָרכטיקן און גרויסן הימל.

## און ער ברענגט אַריין די תפילה אין זיבן היכלות, וואָס ווערן אָנגערופן ״היכלין קדישין״

**יד. ויוצא,** און פון דעם דאָזיקן הימל גייט אַרויס אַ ממונה וואָס זיין נאָמען איז שמשיא״ל, און ער נעמט די תפילה מיט אַלע מלאכים צו אַ גרויסן און פאָרכטיקן הימל, און זי קומט צו אַ ממונה, וואָס זיין נאָמען איז גרדיא״ל, וואָס ער האַלט מלחמה מיטן ווילן פון אויבערשטן, און אַז די תפילה קומט מיט די שרים פון די אומות העולם דאָרט אַרויף.

**טו. אַזי,** אַזוי ציטערט דער ממונה מיט זיינע מחנות, און גייען אַנטקעגן די תפילה, און בוקן זיך קעגן איר, און זי גייט ווייטער צו אַ העכערן הימל. דאָרט זענען פאַראַן אַפּאָר ספרים, און איין ממונה איז איבער זיי, וואָס זיין נאָמען איז ענפיא״ל. ער נעמט די תפילה און באַקרוינט זי מיט אַפּאָר קרוינען און ברענגט איר אַרויף צום זיבעטן הימל.

**טז. ושם באָה,** און דאָרטן קומט די תפילה צו דעם גרויסן ממונה וואָס הייסט סנדלפו״ן, וואָס אַלע טירן און אַלע שליסלען פון דעם הימל זענען אין זיינע הענט, און ער ברענגט אַריין די תפילה אין זיבן היכלות, וואָס ווערן אָנגערופן ״היכלין קדישין״, הייליקע היכלות.

**יז. ועתה,** און איצט, יעדער וואָס פאָרכט זיך פאַר דעם אויבערשטן און איילט זיך צו זיין דינסט מוז דורך טראַכטן אין זיין

הארץ די גרויסע דערהייבונג און די לויב פון דער תפילה, כדי ער זאָל מתפלל זיין מיט כוונה פון זיין הארץ.

**יח. ואשרי הגבר,** און וואויל איז דעם מענטש וואָס איז מכבד זיין באַשעפער מיטן האַלדז מיט ליבשאַפט און כוונה, און ער גיט פאַר דעם אויבערשטן ״יחוד, קדושה, ברכה״, און אויף דעם שטייט אין פסוק (דברים טו, יד) ״הַעֲנֵק תַּעֲנִיק לוֹ מִצֹּאנְךָ מִגָּרְנְךָ וּמִיִּקְבֶךָ״.

## עס זאָל זיין גלייך ווי ער וואָלט יעדן טאָג מקריב געווען קרבנות

**דאָס וואָרט** ״מִצֹּאנְךָ״ מיינט מען, אַז דער מענטש מוז יעדן טאָג זאָגן די פרשה פון קרבנות, וואָס זיי זענען געווען פון בהמות און שאָף, און אין זינען צו האָבן בשעת ער זאָגט עס, אַז עס זאָל זיין גלייך ווי ער וואָלט יעדן טאָג מקריב געווען קרבנות.

## דו זאָלסט אָפּגעבן אַ שבח והודי׳ צום אויבערשטן ברוך הוא

**דאָס וואָרט** ״מִגָּרְנְךָ״ איז טייטש פון דיין האַלדז (״מגרון שלך״), דאָס מיינט מען אַז דו זאָלסט מתפלל זיין און דו זאָלסט אָפּגעבן אַ שבח והודי׳ צום אויבערשטן ברוך הוא.

## דאָס זענען די זעלבע אותיות ווי ״יבק״, וואָס איז די ראשי תיבות י׳חוד ב׳רכה ק׳דושה

**דאָס וואָרט** ״וּמִיִּקְבֶךָ״, איז די מיטלסטע אותיות דערפון ״יקב״, דאָס זענען די זעלבע אותיות ווי ״יבק״, וואָס איז די ראשי תיבות י׳חוד ב׳רכה ק׳דושה, אַזוי ווי עס שטייט אין תיקוני זוהר (זוהר חדש, דף ק״ל עמוד א׳).

## כדי זיין תפילה זאָל זיין ריין, דאַרף דער מענטש זיין אָפּגעהיטן פון גזל און השגת גבול

**יט. על כן,** דעריבער זאָל דער מענטש זעהן אַז זיינע הענט זאָלן זיין ריין פון גזל און גניבה, און ער זאָל קיינעם נישט מסיג גבול זיין, און ער זאָל האַנדלען ערלעך, און דאַן וועט אָנגענומען ווערן זיין תפילה, אמן.

❖ ❖ ❖